

# תורת יואל

גליון מס' 82

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פ' בהר בחוקותי תשפ"ו

## וידבר ד' אל משה בהר סיני לאמר וגו', ושבתה הארץ שבת לד'.

### רש"י: שבת לד'. לשם הד', כשם שנאמר בשבת בראשית.

רש"י: זאגט אז מצות שמיטה דארף זיין לשם ד', און אויך גלייכט רש"י צו שמיטה צו שבת קודש.

לכאורה יעדע מצוה וואס א איד טוט דארף זיין לשם הד', פארוואס פונקט ביי שמיטה דערמאנט דאס רש"י, ווי אויך וואס איז דער שייכות פון שמיטה צו שבת קודש?

**ונראה לפרש:** דער רבי ברענגט צו א רש"י אין פרשת שמות, אויפן פסוק **כי יד על כס י"ה**, רש"י פרעגט פארוואס שטייט כס און נישט כסא, און פארוואס שטייט דעם באשעפער'ס נאמען י"ה, און נישט ארויסגעשריבן אינגאנצען, ענטפערט רש"י: ווייל דער באשעפער האט געשוואוירען: אז ווילאנג עמלק איז נישט אויסגעמעקט, וועט זיין נאמען און זיין בענקל נישט זיין גאנץ, וועגן דעם שטייט כס אין נישט כסא, און אויך דער שם שטייט י"ה און נישט ארויסגעשריבען אינגאנצן.

די גמרא זאגט אין מס' שבת (קיח ב'): **אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלין:** אויב כלל ישראל וועט אפהיטן שבת קודש צוויי וואכן, וועט השי"ת תיכף ברענגען די גאולה.

אויך זאגט די גמרא אין מס' שבת (לג א') אז צוליב די זינד פון שמיטות און יובלות וואס די אידן היטן נישט אפ ווי עס דארף צו זיין קומט די שטראף פון גלות, קומט דאך אויס אז מיט די צוויי מצוות, שבת און שמיטה אויב היט מען אפ ריכטיג, ווערט מען אויסגעלייזט.

מיט די הקדמה פארענטפערט דער רבי זי"ע - די רש"י, **ושבתה הארץ שבת לד'** זאגט רש"י: לשם הד' פשט איז, אז ס'זאל נתמלא - אנגעפיהלט ווערן דעם באשעפערס נאמען, **כשם שנאמר בשבת בראשית**, אזויווי שבת האט די סגולה אז עס וועט ברענגען די גאולה אויב היט מען צוויי שבתים ווי עס דארף צו זיין, אזוי אויך שמיטה אויב היט מען דאס ווי עס דארף צו זיין ווערט מען אויסגעלייזט, וויילביידע ענינים האבן די זעלבע סגולות, **במהרה בימינו אמן.**

די גליון ווערט פארשפרייט וועכענטליך אין אלע גרעסערע סאטמארע בתי מדרשים.
פאר הערות, צו באקומען דעם גליון וועכענטליך רופט: 347.603.0383 אדער שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com

# מעשה פארדייל

**הרב א-לחנן ז. י. פריעדמאן הי"ו**

געהערט נאך-פארציילן פון פאיע'ר רב ז"ל, וואס איז געווען א משב"ק בבית רביה"ק אין די בראשית יארן, און מיטגעהאלטן די מורא'דיגע מעשה, וואס האט זיך אפגעשפיעלט פאר זיינע אויגן.

אין וויליאמסבורג האט געוואוינט א איד הרב ישראל העכט ז"ל, ער איז געווען א צאנז'ער געבוירענער, און געקומען קיין אמעריקע נאך פאר די קריג, א עכט גאליציאנער איד, געדאווענט דאהי אין ריגליץ'ער שטיבל אויף מארסי, מיט נאך פיהלע אפשטאמיגע פון גאליציע, ער איז געווען א שוחט, פון וועמענס שחיטה אלע עהרליכע אידן האבן געגעסן.

ויהי היום, און זיין טאכטער, א יונג מיידל איז נעבעך קראנק געווארן, דער מצב האט זיך שנעל פארערגערט, ביז צו א מצב, אז די דאקטוירים האבן שוין ליידער אויפגעגעבן.

נישט וויסענדיג צו וועם זיך צו ווענדן בעת צרתו, מיט רביה"ק האט ער נישט געהאט קיין שייכות, במילא האט ער נישט געהאט קיין חשק - איצט - אריינצוגיין מיט א קוויטל, אבער די משפחה האט געמוטשעט ער זאל גיין אויסבעטן א רפואה, באין ברירה קומט ער אריבער צום רבינ'ס שטוב, און לאזט זיך שרייבן א קוויטל און גייט אריין בקודש פנימה.

דער רבי פרעגט אים אויס, פון ווי ער שטאמט, וכהנה פרטי משפחתו, ביז ער זאגט אז ער איז אן אייניקל פון דעם בלינדען חיליש, (אין די צייטן פונעם הייליגען צאנזער רב זצ"ל, האט געוואוינט א חשוב'ער איד, הרב יחיאל העכט, א סגי נהור, און געהאט א חזקה צו זינגען ביים טיש) ווי דער רבי האט דאס געהערט, גיט ער א זאג "**ער פלעגט דאך זינגען המבדיל ביים הייליגען רב**" איר קאנט עס? ענטפערט ער יא!! **נו זינגטס ביטע.**

דער ר' ישראל, האט שוין באלד חרטה געהאט אויפן גאנצן עסק, ער איז געווען קנאפ אין די גוסטע פון זינגען, וועג זיין טאכטער ליגט אזוי פארשלאפט, אבער אז דער רבי הייסט האט ער אנגעהויבן זינגען, און ווען ער ענדיגט זאגט אים דער רבי **זינגט'ס עס נאכאמאל**, באין ברירה הייבט ער אן נאכאמאל און זינגט אפ דעם גאנצען ניגון.

קוים וואס ער ענדיגט און וויל זיך שוין ארויסזעהן, קומט אריין ר' יוסל, און זאגט פאר דעם איד, אז מ'זוכט אים אויפן טעלעפאן, זיין פרוי האט געוואוסט אז ער איז ביים רבי'ן איצט, און רופט אים, אז מ'האט גערופן פון שפיטאל, און די טאכטער איז ארויס פון סכנה, און ס'איז נישטא קיין זכר פון די מחלה.

און דער פאיע'ר רב האט צוגעענדיגט: מיט א ניגון וואס א זיידע פלעגט זינגען ביים הייליגן דברי חיים זצ"ל, האט דער רבי ממשיך געווען א ישועה פאר א אייניקל.

**זכותו יגן עלינו.**

# ידיעות קאלום

מנהג | טעמו | ומקורו

## ברכת אילנות (ג)

### ברכה בלילה

פון דעם לשון הרמב"ם **היוצא לשדה ביומי דניסן**, און אזוי אויך פון דעם לשון השו"ע **היוצא בימי ניסן**, קאן משמע זיין אז ס'מוז זיין דוקא בייטאג, אבער אין שו"ת רבבות אפרים שטייט, אז אויב ס'איז מעגליך צו זעהן די פריחה ביינאכט, קען מען מאכן די ברכה ביינאכט אויך.

### פריחה

פון די גמרא: האי מאן דנפיק וגו', וחזי אילני, איז משמע, אז מען ברויך ממש זעהן די פריחה פאר די ברכה, און הרב וואזנער זצ"ל אין שבט הלוי (ח"ו סי' נג אות ד') איז מסופק אויב דאס נישט זעהן איז מעכב די ברכה, דער בוטשאטשער רב אין אשל אברהם (סי' רכ"ו) איז מכריע אז ס'פעלט יא אויס צו זעהן כדי צו מאכן א ברכה.

אין ספר מעשה ניסים, (מנהגי באגדאד) שטייט א טעם פארוואס מען מאכט נישט די ברכה אויף א טייטל-בוים, זאגט ער ווייל די פירות זענען צו הויעך, און מ'קען עס נישט זעהן.

### ענפים

דער בוטשאטשער רב אין אשל אברהם, איז מסופק צו מען קען ברענגען פאר א חולה א צווייג פון א פירות-בוים פאר ברכת אילנות, בשו"ת התעוררת תשובה, (ח"א סי קד') איז מדייק פון דעם לשון הגמרא: **האי מאן דנפיק**, אזוי אויך אין רמב"ם שטייט: **היוצא לשדות**, איז משמע אז מען מוז ארויסגיין דארט ווי דיביימער וואקסן, בעיקרם.

דער לאקענבאך'ער רב זצ"ל אין שו"ת מאור החיים, גיט א הסבר, מיוסד אויפן באר היטיב וואס זאגט אז אויף אילנות סרק קען מען נישט מאכן די ברכה, פארוואס? **כיון שלא יוציאו פירות לעולם**, פיהרט ער אויס, אז די ענפים תלושים, וועלן אויך שוין נישט ארויסגעבן פירות, במילא איז עס נישט קיין לכתחילה.

הרב נתן געשטעטנער זצ"ל אין שו"ת להורות נתן (ח"ה סי' יא) גיט אויך א הסבר, ווייל מען זאגט אין די ברכה: **אילנות טובות** און דאס קאן מען נישט זאגן אויף קיין אפגעריסענע צווייגן, און איז אויך מחליט לחומרא.

### אילנות

אין שו"ת הלכות קטנות (ח"ב סי' כח) איז מדייק פון לשון הרמב"ם: **וראה אילנות פורחות**, אילנות איז א לשון רבים, במילא מוז זיין דוקא צוויי ביימער אדער מער, און דער חיד"א שרייבט אויך אז **המדקדקים מקפידים לברך על שתי אילנות**, און דער כף החיים לייגט צו, אז ס'מוז נישט זיין, צוויי באזונדערע מינים, צוויי ביימער פון זעלבן מין איז אויך גוט

אין הגדה ברך משה (בצל תומר) שטייט אז דער רבי פלעגט מדקדק זיין אויף צוויי ביימער, דער רבי פלעגט יערליך אריבער קומען צו רבי יצחק שטוהל ז"ל אין שטוב, און געמאכט די ברכה אינעם גארטן אויף ביימער וואו ס'איז געוואקסן גוטע פירות, (מפי השמועה).

**איידי דחביבה**, אין א שמועס פון דער רבי בעל ברך משה מיטן טאהשער רבי, האט ער געזאגט א טעם פארוואס מען זאגט **ובריות טובות**, די ברכה איז דאך באשטימט פאר די ביימער? נאר וואס דען: **כי האדם עץ השדה**, און ווען מ'בענטש די ביימער, בענטש מען אויך דעם מענטש, ווייל **אדם דומה לאילן** עכתו"ד.

משיעורי הרה"ג ר' ישעי' ליכטענשטיין שליט"א - מו"ץ בקהל יטב לב ד'סאטמאר

# א קאפיטל היסטאריע

## מהר"ם מרוטענבורג

**רבי מאיר ברבי ברוך**, געבוירען אין ווירמייזא, אין יאר תתק"ד, א תלמיד פון רבינו יצחק מווינה, און רבינו יחיא-ל מפריס, און אליינס געווען א רב רבנן אין פיהלע שטעט, קונסטאנץ, אויגסבורג, ווירצבורג, רוטנבורג, ווארמס, אין נאך שטעט, בארץ אשכנז.

דער מהר"ם איז געווען פון די ערשטע פוסקים, אין א גרויסע מרביץ תורה, צווישן זיינע תלמידים: רבינו אשר - בעל ה'רא"ש, און רבי שמשון ב"ר צמח - בעל ה'תשב"ץ.

צוליב די שחיטות און רדיפות אין אשכנז, איז ער אנטלאפן קיין לומברדיא, ווארטענדיג אויף די איבעריגע אנטלויפערס, אינאיינעם ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, א משומד האט אים דערקענט און פאר'מסר'ט פאר'ן מלכות, און מען האט אים צוריק געברענגט און איינגעשפארט.

**עשרים אלף דינרי זהב**, האט דער קייזער רודאלף געבעטן אלס אויסלייז געלט, א מאיאנטיק, מיט שוועריקייטן האט מען צאמגעשטעלט דאס געלט, און איבער געגעבן פאר זיין תלמיד דער רא"ש, דער מהר"ם האט אבער באפוילען מען זאל אים נישט אויסלייזן פאר אזא סומע, כדי ס'זאל נישט ווערן א געוואוינהייט איינצושפארן רבנים פאר אויסלייז געלט.

זיבן יאר איז דער מהר"ם געזעצן אין תפיסה, געהאט אסאך פריוויליגיעס, תלמידים זענען געקומען לערנען, ער האט געשריבן תשובות לכל דורש ומבקש, ביז צו זיין פטירה - י"ט אייר, און אפי' נאך זיין פטירה, האט די מלכות נישט ארויסגעגעבן דעם נפטר, ביז 14 יאר שפעטער איז געקומען א איד א גביר רבי אלכסנדר מ'פראנקפורט און אוועק געגעבן זיין גאנצע געלט, און ער האט באקומען די גוף קדוש און געברענגט לקבורה, (רבי אלכסנדר ליגט באערדיגט נעבן דעם מהר"ם אין ווירמייזא).

(המשך בשבוע הבא אי"ה)